פרוד אוף דור מיין מומה איין שיינע קרון בוסט גוועין מוך אונטר צו לעהנן אונ מיין גושלעכט דו בוסט אונזר בלוט אונ פלייש דו זאלסט דוך נוט פאר מידן צו בעטן פון אונזרט וועגן פאר גאט ער זאל שטארקן דאס גובייא פון מיין הוז אונ דער כבוד פון אונזר משפחה אונ לאז מוך לעבון מוט פרייד אונ רעכט פארטוגקייט זאלסט מוך שפייזן מוט עושר אונ כבוד אונ זארסט מוך בשערמן פון אלו לייד אונ פון אלו פורעניות דוא דא שטורמן צו קומן אוף דער וועלט אונ פון אלו הובר פר מזיקים פאר שדים ולילין אונ זאל זוכה זיין צו דער צוהן מיינו קונדר תורה צו לערנון בשמחה אונ עס זאל אובר בלייבן נאך מור איין בענטשונג אונ זאל וערן גושפייזט מוט ריינקייט אונ עס זאל נוט ווערון פאר שעמט אונזר עלטר אונ

גאט

גאט זאל אונז געבון איין גוט לעבון און עס זאל נוט זיין איין שאנד צו לעבון און אזו איין שעה אז גאט זאל אונז די פולן אונזר הארץ צו גוטן און מיר אליין בעטן אוף דיין נשמה גאט זאל דוך גודענקן צו פרוד און זאלסט אוף שטיין תחיית המתים אמן סלה :

וויא מען זאל בעטן אוף קונדר צו דר צוהן :

הער פון דער וועלט דוא בוסט הוך אובר אלו הייך הער צו מיין גבעט צו זוכן דר בארומקייט און גונאד זאלסט מוך לאזון זוכה זיין מוט גרוסו דער בארומקייט צו דר צוהן מיינו קינדר צו דיין דונסט בתענוגים נוט מוט צער זיי זאלן נוט פאר שעמט ווערן און זייא זאלן דער פורט און גפרושט זיין און דר תורה און זיי זאלן חפשע פיינע לייט זיין און זייא זאלען ווערן גושפייזט מוט ריינקייט פון דיין אייגנר האנט און עס זאל גוט ווערן און זיי גופונן קיין שאנד אוך רעסטרונג און אונזר אוגון זאלן זעהן אן זייא פרייד און בגרוקט און אורו תורה עס זאל זיין צו בווילגן מיין זאג פון מיין מזל אוף מיינו יונגו קינדר און קליינו דו רייד זאל גורעכנט זיין פאר דור אלץ גוטו קרבנות פון ווענון זכות וואס שלאפן און דוא ערד און דאס גודאנקן פון מיין הארץ צוא פאר דור גאט דוא בוסט מיין בשעפר און מיין דער לייזער אמן סלה :

ווי מען זאל בעטן אוף מחיה און פרנסה :

עס זאל זיין דר ווילן פר דור גאט און גאט אונזר עלטרן דאס מיין עסון שפייז און אוך דו שפייז פון מיין הוז גוזונד זאל זיין גוגרייכט פון דיין האנט און אוך זאל צו קיין מענשן נוט בדארפון דען דוא גאב אוז קליין און דו שאנד אוז גרוס און קיינר זאל נושט בדארפן צו לייאן נייארט צו דיין פולו האנד און מיין ווערק ארבוט זאל זיין צוא בענטשונג און נוט צוא ארומקייט צו לעבון און נוט צו שטארבן און זאלסט מוך לאזון זוכה זיין עס זאל נוט ווערן פאר שוועכט גאטס נאמן דורך מיין האנט אזו זאלסטו דער פולן אונזרו הענט פון דיין בענשונג און אזו ווי דוא האסט גוטאנצו דו לייט ווס זענונגוגאנגן אום מצרים דען גאט דו בוסט גולובט אייבוג און מען טוט צוא דור האפון און נובסט אוטלוכן זיין שפייז און זיין צייט עסון דו האנט און מאך זעטן אלם וואס דא לעבט און ווארט דיין גאב

אוף

אוף גאט ער וועט דוך שפייזן אונ אור היילגו נשמות מוט בעטן צו גאט פון מיינט וועגון דם ער זאל דר הייכון מיין מזל דם מור זאלון קענן גאט דינן מוט גאנצון הארצון ווייל איך וועל לעבון אונ איך זאל שטארבן פון וועגון עלטר מוט איין גוטן נאמן אונ מוט איין גוטו צייט אונ איך זאל האבן איין מייל מוט אייך אין גן עדן אמן סלה :

ווי מען זאל בעטון פון קראנקי קונדר וועגון :

העד פון דר גאנצר וועלט דער דא הט בשאפון דעם מענטשן פון בלוט אונ פלייש אונ האט אים גוציירט פון פיר אפ גרונד דם זעלבגון אונ פייאר אונ ערד אונ ווינד אונ וואסר אבר דאס אוז ווער קליינו קונדר האט דו דא זענן וואַרון גשלאגון דאס זוא חס ושלום צוא גיין פון וועגון דוא זונד פור עלטרון אונ אוף זייא ווערון גישעהן מוט דו גזרה פון הימל דם זיי זאלון אוף דר וועלט לעבון צו דר פולון אורו טעג פון דעם דר פון גאט אוף זיין בשעפנוש צו שטרפון אום מוט וום אוזאזו איין זאך דם אוז גוצוגון אום אום זיין דר צורן אונ צו צייטן פלעגט עם צו זיין איין שטראפט פון לובשאפט אודר איין שטראט פון אונזר זונד וועגון נייארט דאס ווייס איך דאס גאט מוט רעכט משפט פר אום אוז קיין אום רעכט אונ דו בוסט גורעכט אוף אלום וואס דו אויף מגר שוקסט אונ מור האבן גוזונדוגט אבר פר וואר אונזר הענט האבון מור אוף גשפרייט אונטר דעם הומל אונ מאן קלאפין מוט איין ביטר בטרובט הארץ פון וועגון דעם זכות פון דו עלטרון זאלסט גדענקין צו דו קונדער אונ זאלסט דר וועקון דעם זכות וום דא שלאפין אונ דו ערד אונ זאלסט אוים לייזון דו קונדר אונ זאלסט זו נוט שטראפון פון וועגון דו זונד פון דו עלטרון אונ דר בארום דוך אובר דו קונדער מוט דו עלטרון אונ פר גיב אור זונד אונ דו זאלסט דוך דר בארומען איבר דו קליינו שעפליך אונ זאלסט היילון אור קרענק אוז עם אנדרש פון וועגון דו שטראף פון פאטר דם דו ווילסט אום שטראפון מוט לובלוך שטראף דא בעט איך גאט דער בארום דוך אובר דו אובערוגו קונדר אונ אור זכות זאל שטיין צווישון דו טוטו אונ דו לעבדוגו אונ עס זאל ווערון אויף גיהאלטון דו מאד דער בארום דוך אובר דו קונדר או זייא זאלון דער צוגון ווערון צו אלום גוטון אונ זיי זאלון וויסון דם דוא בוסט איין גאט אמן סלה :

ווי איין אנדרער זאל תפלה מאן פר אטראגנדוגו פרוי :

עס זאל זיין דר ווילון פר דור גאט פון אונזרו עלטערון דם דו זאלסט העלפון סוט

גרוס דער בארומקייט דו פרוא פלונית בת פלונית פון דעם צער אונ טראגון דו זאלסט הערון אונ זאלסט אור געבון מוט אור קונד קראפט אונ שפע אונ גזונד פון אצונד אן בוז אייבוג אונ דס קונד זאל זיין גאנץ מוט זיין גוף אונ זאל זו עס גרונג האבן אונ דס קונד זאל זיין הופש אז איין וויין שמאק ווס מען צוהט אום אונ אז איין רוז אונ עס זאל ווערון גבארון אונ איין גוטו צייט אונ אגוט מזל זאל גווינון אונ זו זאל זוכה זיין אום דער צוהן צו תורה אונ חופה אונ מעשים טובים אונ זאלון אן אום נוט ווערון גפונן קיין זונד אונ עס זאל אן אום ווערון בשטעטונג דער פסוק עס וועט צו דור קיין בייז קומן אונ קיין פלאג וועט נוט גרייכון צו דיין גוצעלט דען גאט וועט שוקון זיינו מלאכים צו הוטון דוך אונ עס אוז גזאגט גוווארון ער וועט נוט געבון צו גלומשון דיינו פוס אונ דיין הוטר ער וועט נוט שלומן אונ וועט נוט שלאפון דר הוטר פון ישראל אונ עס זאל זיין דר ווילון פר אונזר פאטר דס ער זאל הערון אונזר שטום אונ זאל מאן אונזר בגער פון וועגון אונזר היילוגו עלטערון אונ פון וועגון ווס דא רואן אונ דער ערד דס אור זונד זענון ווארון פר געבון אונ האבון גוטאן אלו דס גוטץ ביי אור לעבון אונ זכות פון אלו צדיקים אונ חסידים אונ דר וועלט זאל דר פולן אונזר אן היימן מוט איין גוטו מאס אונ הולף אונ דר בארומקייט אונ זאלסט מוך נוט ליידונ לאזון ווידר קערון אמן סלה :

ווי דו אנדרו לייט זאלן בעטון פר איין קונד בעטרן

דער דא היילט דו קראנקו אונ מאכט לונד דו פר שטוסנו הערצר צו לאזון לעבון דו נודרונגו. מוט דיין גרוס פול דר בארומקייט איבר אונז אונ איבר כל ישראל זל גדענקן אונ דר בארומון אונ לייט זעלוגון אונ העלפון אונ היילון דו גיוונרון דוא קראנקו ווס דא לונט צו בעט מרת פלונית דו בעט פון גאט נודעכטוקייט אונ לייט זעלוקייט אונ לעבון אונ גנאד אונ רעבון אונ פרוד מלך מלכי המלכים מוט דיין דר בארומקייט אונ דיין גנאד זאלסטו זו אום צוהן אונ זאלסט זו שטעלון אוף אורו פוס אונ היילונג זאל זיין צו אור נאפול אונ אז איין מארך צו אור גביין אונ זאלסט אב סונפוז אור אלו בייזו קרענק אונ זאלסט פר שטערון אורו אלו בייזו גזירות אונ זאלסט זו היילון פון אור ווייטאג אונ פר גוב אורו זונד אזו ווי עס שטייט גושרובן דר גאט דר דא פר גובט דו זונד אונ היילט אלו קראנקהייט אונ זאלסט מערון טאג אוף דס טאג יאר אוף יאר אזו ווי עס שטייט גושרובן לאנגו טעג אונ יאר פון לעבון אונ פרוד ווערט דור גאט מערון אונ דעם זכות פון אלו צדיקים אונ חסידים דו דא לונון זאל מור ביי שטיין אמן סלה :

ווי איין טראגונדגו פרויא זאל אוף זוך אליין תפלה טאן :

נס זאל זיין דר ווילון פר דור גאט פון מיין עלטרון דס דו זאלסט גרונגרין פון מור דעס

דעם צער פון מיין טראגון אונ זאלסט מור געבון כראפט אונ מאכט ווייל אוך
ווער טראגון דס גלובטו קינד אונ עס זאל נוט שלאף זיין אונ זאלסט מוך בשערמון
פון דעם פלוכון פון חוה דס גאט הט גזאגט אוך ווער מערון דיין טראגון אונ מוט
מדוארקייט ווערסטו גוויגון דיין קינד אונ אז עס וועט קומון דוא צייט אז אוך זאל
גווינון דא זאלון נוט ווערון פר קערט אוף מור דו אנגלון אונ דס קינד זאל גיין אונ
איין אונגון בלוס אוף דר וועלט גרונג אן שארון מור אונ איך אן מיין קינד אונ זאל
ווערון גבארון אונ איין גוטה שעה אונ איין גוט מזל צו לעבון אונ צו פרוד אונ צו
גזונד אונ צו עושר אונ כבוד אונ עס זאל אן מור בשטעטונגט ווערון דר פסוק עס
זאל נוט זיין קיין וואדפרון אונ אום פראכטרון אונ דיין לאנד אונ דו צאל פון דיינר
טעג ווער אוך דר פולון אונ אוך אונ מיין מאן זאלון דאס קונד דער ציהן צו דיין
דינסט אונ אוך צו דיין הייליגו תורה אונ צו לעבון אונ פרוד אוך מוט מיין קונד זלון
נוט ווערון גשעדונגט אונ מיין גוף אונ אלו דו גלודר אונ נוט אן דו אדרון אונ אוך
נוט אן דו הוים אונ אוך נוט אן פלייש אונ אוך נוט אן גוף אונ נוט אום דם גוט אונ אוך זלסטו
שטארקון מיין קראפט אונ מיין גמוט אונ אויך מיינו ביינר אזו ווי עס שטייט גשרובון
איין היילונג ווערט זיין צו דיין נאפיל אונ מרך צו דיין גוביין רען צו דור גאט טוא
אוך האפון אונ טוסט מור ענטפרון אונ אוך טוא מוך פרייאן אונ גאט מיין העלפר
גאט באווילונג דוך צו בשערמון מוך זיי מיין הולף רען צו דור טוא אוך האפון גאט
הער צו מיין שטום אונ דער בארום דוך אונ טנפור מור פון וועגון אונזרו עלטרון דו
הייליגע אונ פון וועגון אור זכות אונ פון וועגון אור גרעכטיקיים אונ אויך פון וועגון אור
תורה אונ מעשים טובים פון אלו ווס אונ דו ערד לוגון אונ דו גאנצו וועלט אונ זאלסט
גדענקון אור לובשאפט אונ זאלסט דר נערון אור נאמן אונ אוך זאלסט זיי בשערמון
פר איין פר ווארסונגן טוים אונ פר קראנקהייט אונ ווייטאג אונ זלסט מוך בענשון
אז ווי דו האסט גזאגט אונ אוך ווער דוך בענטשון אונ וויל דוך מערון אונ ווער
בענטשון דו פרוכט פון דיין בויך אונ פרוכט פון דיין ערטרייך דיין קארון אונ דיין
מאסט אונ דיין וויין אויף דו ערד גבענטשט ווערסטו זיין פון הקדוש ברוך הוא עס
וועט אן דור קיין אום פראכטון זיין אונ זאלסט מוך בענטשון אונ זאלסט מור
ענטפרון אונ זאלסט סוך רייט זעלוגון אונ זאלסט דער לענגרון מיינו טעג טוט
צופרידנקייט אזוי ווי עס שטייט גשרובון דער לענגרונג פון טעג ווער אוך דור געבון
אונ ווער ווייזון דור מיין הולף אמן סלה :

ווי איין ווייב זאל זאגון אוף אור מאנס קבר :

פרוד אוף דר מיין מאן דו בוסט אוך גוועזן דס בגין פון מיין הוז אונ פרייליך
פון מיין געציקיס דו האסט גרייכט אונ דר פונצטרנוש דו גלוסטונגו קרון אונ

ביסט

בוסט איין היילוג פון מיין ווייטוגנ אצונד זענון דו טוארן פון מיין הוז צו שפאלטן אונ אוך דו זון אוז בייא מור שון אונטר גגאנגון דס בון אוך איין פר שנוטן אובר געבלובן ווען אוך קום אונ מיין הוז אונ קער מוך הין אונ הער אונ זעה דס מיין מאן אוז נוט דא זאג אוך מיין מאן ווי בוסטו ווי האסטו מוך פר געסון אוך הב קיין טרייסטר פון מיין טרואריקייט בון אוך היינט גקומן מוט ווייגן אונ שרייאן צו דעם גרוב פון מיין קרון אוך זוך אום אונ קאן אים נוט גפונן גייארט פון ווייטן טוא אוך אום רופן אונ זאג פרוד צו דור דיין נשמה גאט זאל זוך אובר דור דער בארמון אונ עס זאל ווערון גזעהון פר אום דו ווערק פון אינזרו עלטערון נוא בעט אוך דוך זעה דס ארומקייט פון דיין ווייב אונ זעה מיין שפלות אונ מיינו צרות אוף וועמון האסטו פר לאזט דס בוסר שאף וס דא שטיין געבוך אליין דו בוסט גצוגן אונ דיין רוא אונ אונז האסטו גלאזט צו זופצן אונ צו טרואריקייט ווער ווייס אונז ווייזן דעם וועג פון דעם לעבדונגן גאט אונ אוך אוף וועמון זאל אוך מוך פר זורגן מיין אלמנהקייט אודר ווער וועט ווידר בואן מיין הוז אוז גגלוכן צו חורבן בית המקדש ווען איין מאן שטארבט אוז גליך אז דו גאנצו וועלט אוז חרוב דרום דער בארום דוך אובער דיין אובררונו שאף אונ שטיי אוף מוט תפלה אונ בקשה פר גאט דר אוז איין פאטר אובר אלו יתומים אונ דיין אלמנות אונ זיי דוך מרחם איבר מיין טרואריקייט אונ זאל פאר געבון מיינו זונד אונ זאל ווידר בואן מיין פר וויסטוקייט אונ זאל זוך דר בארומון אובר מיינו קליינו קונדר וס העננון אן מור אונ זאלסט מור טרייסטן מיין הארץ אז זיי זאלון מיין ווייטאג אונ אלו קרענק אונ פלאג אפ טאן פון מור אונ מיין פינט זאלון אן מור קיין נקמה האבן אונ זאלסט ווידר בזעצן מיין הוז מוט פרייד אונ זאלסט אונז לאזן אובר בלייבן איין צווייג אונ איין ווארצול צוא קונדר אונ קונדס קונדר זאלון זיין חכמים אונ זאלן לערנון תורה אונ מצות אונ זאלסט דער לענגערון מיינו טעג אונ יאר מוט עושר אונ כבוד אונ דו זאלסט פון אונזרט וועגן טראגן איין געבעט אונ גאט זאל אונז בהיטן פון פר שניידונג דו טעג אונ יאר פון אלורלייא טרואריקייט אונ דו גלובטו נשמה זאל גאט גודענקן צוא

אלום גוטון:

די תחנה זאל מען בעטן ווער ער חס ושלום קראנק אוז אז דו גבעט זאל דער הערט ווערן פר הקדוש ברוך הוא מוט אנדרו תפלות אויך אוז איין גרויסו מצוה אז מען זאל בעטן פר זיינו חברים:

יתברך ער זאל זיין גילובט דער איבר שטר אונ צוא אום אוז דו גירעכטוקייט אונ שטארקייט אונ דוא ערליכקייט אונ דוא אייבוקיים

איינבקייט אונ די שונהייט אונ הומל אונ אויף דער ערד אונ צוא
אום אוז דוא קונגרייך אונ אוזדער הובן צוא אלו הייבט אונ עם
גוועלטוגט אונ אין אונז אז זיין האנט אוז צוא אונז צוא אכפער
שטארקן אלו דער גאט דער דא אוז דער ווארהאפטוגר פאטר
דער דר בארמוגר דער דא איילט צו היילן די קראנקו אונ היילט
אלו וויטאג אונ דער דא לייט זעלוגט ער זאל שוקן צו מור אונ
צווישן אנדרו קרענק פון ישראל איין רפואה שלמה אונ דו זאלסט
מוך אויף ברענגן אונ נוט דו זאלסט נודרן מיין לייב אונ דם גרוב
אונ פולן אויף מור דער בארמוג אונ אנטפאנג מיין גובעט פון
וועגון צדיקים אונ חסידים דו דא זענון ווארון בגראבון דא אונ
אין דער גאנצו וועלט קער דוך צו מיין גובעט אונ פאר שטייא
מיינו גודאנקון אונ זאלסט נוט שטול שווייגן צו מיינו טרערון אונ
אום ווילן דאס אוך בון אהער גוקומון צו פר שפרייטן מוך אויף דם
בגרעבנוש פון צדיקים אונ חסידים דוא דאזוגו זייא זאלון בשוצן
מיט אור פרומקייט אונ אור גרעכטוגקייט אויף מור אונ אויף כל
ישראל אונ זאלסט מוך היילון פון וועגון אור זכות איין רפואה
שלמה אונ היילונג דאס לייב אונ איין היילונג דער נשמה אונ
זאלסט אונז בייא נייאן אז איין אהלור דאס זו זוך בייאנייאן דוא
פעדרון אונ זאלסט מור בייא נייאן מיין יוגנט אונ זאלסט שוקן
צו מור אונ צו אלו קראנקו פון ישראל איין היילונג פון ברכה איין
היילונג דער בארומקייט איין היילונג דו לייט זעליקייט איין היילונג
ויסגלוכו אנפרעקטו אונ פרוד אזו לעבן איין לאנג לעבן אן נוט
אונ זאלסט אן מור בשטעטוגן אונ אלו קראנקו פון כל ישראל
אלו פסוקים דו דא זענון גושרובן אן דיין היילוגו תורה דורך משה
רבינו פון מול דיין גיערטון אוז עס ווארן גוזאגט אונ ער שפראך
אוב דו וועסט הערון צו שטום גאט דיין גאט אונ דם רעכט פארטוגו
אונ זיין אוגען אונ דוא וועסט הוטען זיין גוזעץ דאס זעלבוגו מאל
אלו די קרענק וואס אוך האב גוטאן אונ מצרים נוט אוף וויל טאן
אויף דור דען אוך בון גאט דער היילער אונ דוא וועסט דוגען דם
גאט

גאט ווערט ער בענטשן דיין ברוט אונ וואסר אונ ער ווערט אפ טאן
קראנקהייט פון דיר אלו קראנקהייט אונ ווייטאג פון מצרים דיא
בייזו וואס דו ווייסט ער ווערט ניט טאן אן דיר : אונ דורך דיינו
גיעכט דיא נביאים אונז ווארן גיזאגט אוב איר ווערט ווערלון הערן
באמים גיבאט דא ווערט איר עסין דאס גוטס פון לאנד אונ איר
ווערט זאט זיין אונ ווערט לובן גאט זייער דס ער האט גוטאן מיט
אייך גיוואר אונ וואונדר אונ איר ווערט ניט פאר שעמט ווערן מיין
באלק אייביג אונ אייער ווענ זוג אוך וויל היילון זייא אונ וויל
בצאלון איין טרייסטונג צו אום : הקדוש ברוך הוא האט בשאפון
איין רייד פון די לעפצון דער האט גירעט איטול פריד ווערט זיין
צו דעם נאהנטון זאגט גאט אונ איך וויל צו אייך דר פארבטון
מיין נאמן די זענון איטול גירעכטיקייט אונ היילונג אונ איר פקוגל
דאס דאזוגו מאל ווערון אנטפלעקט אז מארגין זיין קוכט אונ דיינו
היילון ווערט שפראצון רען אוך וויל ברענגון דיין היילונג דיא גאט
הייל מוך לאז אונ מוך ווערון גיהייקט אונ
העלף מור אונ לאז מוך ווערון גיהאלפון הען
מיין הולף בוסטו אונ ברענג אונז איין רפואה שלימה צוא אלו
אונזרו מכות דען מיין קונוג דו הייליקסט אונ דו בוסט ווארהאפטיג
אונ דער בארמוג אונ אז מיין הוז גיזונד זאל זיין איין בונד העט
דר בארומקייט אונ בונד דער היילון אונ איין בונד פון בענטשונג
אונ איין בונד דם פריד פון אצונד ביז אייביג אונזר גאט פון אל
קהייטוואור לייז אום אונז כל ישראל פון צרות אונ טראווארקייט אז
פאר אלו בייזו קראנקהייט זאלסטו אונז בשערמון דער פרייא
אונז פון דיין נאמון וועגון טוא עס אום ווילון דיין היילוקייט אז
אום ווילן דיינו מלאכים טוא עס פון היינט וועגון אונ ניט פו
אונזר ווילון וועגון אונ אום ווילון דאס זיי זאלון ווערון אום גיצונג
פון צרות דיין גילובטו פאלק העלף מיט דיין רעכטו האנט אז
ענטפער מיר אום ווילון אונזרו עלטרון אברהם יצחק ויעקב אונ וויל
משה ואהרן אונ ווילון דוד ושלמה אום ווילון זכות צדיקים וחסידים

דו לוגון דא אזו כון אוך גוקומון צו לובון דיין היילוגון נאמון טו
עם אום ווילון שרה רבקה רחל לאה אונ אום ווילון דו צדקניות
וחסידות דו דא זענון דוא דא גוגון אלו אונ דו זאלסט אונז בשערמון
פר ביזו בנעגנוש אונ פר קרומונוש אונ דיין שטן זאלסטו פאר
בארגון אונ זאלסט זיין אונזר העלפר אונ דו זאלסט אונז גובון צו
פארשטון דיין היילוג הוז דם דא אוז אצונד גדאכט אונ צו קושון
דו ערד אונ צו באווילוגון זיין שטיין אונ שרייאון פון דער פאר
וויסטר שטאט אונ דארטון זאל זיין מיין בגרעבנוש מוט אלו דיינו
קנעכט צדיקים אונ חסידים אמן:

דס זאגט מען אוף פריינדס קברים:

שלום פרוד אוף דור אונ מוט פרוד זאלסטו סומון אונ דיין קבר
דו בוסט פרוד אונ אלו דיין הוז גזונד אונ פרוד אליז וואס
דא קער דור אוז פרוד אונ דיין נשמה זאל זיין אן גקנופט אן
לעבון אונ דיין אונטר לענון זאל זיין אונ גן ערן מוט אנדרו צדיקים
אונ זענופקייט זאל זיין אן גקנופט אונ דו חסידים אונ דוא האסט
פר געסון גאר אונ מור אונ דו ווייסט מיין לייד אז מיין לייב אוז
גאר ביקנדוג פר אייטל צרות אונ דו לייד אוז נאהונט דען ער הט
קיין העלפר דרום בון אוך גוקומון אהער צו דיין בגרעבנוש אוף דיין
קבר דער ווארטון צו לובון הקדוש ברוך הוא דער שטארקט אונ
פארבצום אוז אונ בעטון דוך מוט בוטרקייט פון מיין לייב אז אין
ארומר דער דא בוט אוף דו טור אונ זאלסט דוך דר בארומון אובר
מור אונ זאלסט אוף שטיין גוך מוט גבעט פר דעם קונוג דר דא
אוז איין קונוג אובר אלו קונוגון דם ער זאל אונז העלפון מוט אלו
זיין גנאד אונ מוט אלו זיין דר בארומקייט דען עס זענון גקומון
דאס וואסער בוז אונ מויל דער שטראם האט מוך פאר
פלייצט אוך בון גיווארון מור פאר גרוס דער שרעקונוש דא
אוז גווארען פאר דארט מיין קעל אונ מיינו אוגען זענון
גווארון פאר פונצטרט פאר גרוס ווינון אוך האף

צוא

צו גָאט דָא הָאבּ אוךְ מוּר גִידַאכְט מַיין פְלַייש אוּנ בְּלוּט בּוּסְטוּ אוּנ דוּא זָאלְסְט בֶּעטוּן אוּף מוּר דֶעם פָּאטֶר דֶער בַּארוּמוּגֶר עֶר זָאל מוּר עֶנְטְפֶּרוּן אוּנ הֵייל מוּךְ : וֶוען מֶען בֶּעט פוּן אַנְדֶרוּ וְועגוּן אַזוֹ זָאל מֶען זָאגוּן דֶען (פלונית בת פלונית) אוּנ צְווִי ישוּן אַנְדֶרוּ קְרַאנְקוּ מֶענְטְשוּן אֵיין (רפואה שלימה) הֵיילוּנְג פוּן לַייבּ אוּנ פוּן נשמה דֶר וַוארְטוּן אוּךְ זָאל זַיין שְׁטַאֶרְקֶר אוּנ פְּרוּש צוּ גָאט צוּ הוּטִין זַיין הֵייליגוּ תּוֹרה אוּנ זָאל מוּר גֶעבּוּן קְרַאפְט צוּ בְּשְׁטֶעטוּגוּן דוּ מצות פוּן הקב"ה דוּ לוּטֶערוּ אוּנ זָאלְסְט שוּקוּן צוּ דֶר פוּלוּן דֶר בַּארוּמֶקייט הֵיילוּנְג אוּנ לָאז מוּךְ נוּט שְׁטַארְבּוּן אֵיין מיתה משונה אוּנ נוּט אֵיין מיתה דוּ מוּאוּס אוּז אוּנ נוּט דוּ זָאלְסְט לָאזוּן שְׁטַארְבּוּן מוּךְ אוּנ הַאלְבּוּ יָארוּן נָאר אוּךְ זָאל אוּיס לֶעבּוּן מַיינוּ גַאנְצוּ יָארוּן דָא זָאל מַיין טֵייל זַיין אוּנ דֶם אֵייבּוּגוּ גוּטוּ לֶעבּוּן וָוס אוּז וָוארוּן בְּהַאלְטוּן צוּ דוּ צדיקים מוּךְ אוּנ מַיינוּ קוּנֶדר אוּנ מַיינוּ קוּנְדֶם קוּנֶדר אוּנ עֶס זָאל זַיין דֶער ווילוּן צוּ דוּר פָּאטֶר דֶער בַּארוּמוּגֶר דָאס אוּךְ זָאל זוכה זַיין פוּן וועגוּן דַיין זכות אוּנ פוּן וְועגוּן אַנְדֶרוּ צדיקים דֶם עֶס זָאל זַיין מַיין בַּגְרֶעבּוּנוּש אוּנ הַיילוּגֶן לַאנְד אוּךְ זָאל זֶעהְן מַיינוּ קוּנֶדר אוּנ קוּנְדֶם קוּנְדֶר צוּא לֶערְנֶן תּוֹרה אוּנ צוּא הַאלְטוּן דוּא מצות אוּנ עֶס זָאל וֶוערוּן בַּאשְׁטֶעטוּגְט אָן מוּר דֶער פסוק אַז דָא אוּז וָוארוּן גֶזָאגְט דוּרְךְ ישעיה הנביא אוּנ עֶס זָאל נוּט וֶוערוּן אָפּ גְּמָאן פוּן דַיין מוּנְד אוּנ פוּן מוּנְד דַיינוּ קוּנְדֶער אוּנ קוּנְדֶם קוּנְדֶר הֶט גֶזָאגְט גָאט פוּן אַצוּנְד אָן בּוּז אֵייבּוּג אוּנ אוּךְ זָאל זוכה זַיין פוּן וֶועגוּן דֶעם זכות אוּנ אַלוּ מַיין הוּיז גֶזוּנְד אוּנ מַיין משפחה צוּ לֶעבּוּן אוּנ צוּ פְרוּד אמן :

דאס זאגט מען אוּם עֶרב ראש השנה אוּנ אוּיךְ אוּם עֶרב יום כפור :

שָׁלוֹם פְּרוּד אוּיף אַייךְ אוּר צדיקים דֶר גְרוּנְד פוּן עוֹלם זַיין ווילוּן זָאל זַיין אַז אַייעֶר רוּא זָאל זַיין בּכבוד אוּנ דֶער זכות פוּן אַייֶער תּוֹרה אוּנ אַייֶער מעשים טובים זָאל מוּר בַּיי שְׁטֵיין אוּנ מַיין הוּיז גְזוּנְד וָוס זוּךְ צוּ מוּר בַּהֶעפְטוּן אוּנ צוּ כל ישראל אוּנ אוּנְז אָן דֶעם ראש השנה אוּנ אוּיךְ אָן דֶעם יום כיפור אָן צוּ הִתְמֶנוּן צוּ סליחה ומחילה

מחילה אונ דו זאלסט אונז פר געבן דו עבירות אונ זאל ווערן
אן גשריבן לחיים טובים ולשלום צו פרנסה אונ צו שפייז צו
זעטיקייט צו בענטשונג אונ צו הולת אונ צו גבענטשטו יאר אונ
צו בגלוקן אונ אלו אונזרו הענט אונ דר ווייטר אונ בשערום אונז
פון אלו שטרוכלונג פון בייזו גזירות זאלסטו אונז בשערמן אונ
מיר זאלן זוכה זיין צו רעכט פארטוגו קונדר זאלן לאנג לעבן אונ
זאלן לערנן תורה אונ זאלן האבן מעשים טובים אונ זאלן זוכה
זיין צו עושר אונ צו כבוד אונ עס זאל נוט אן זיי גוועלטיגן דער
יצר הרע אונ זאל חן גפונן אונ לייט זעליקייט אונ דיינו אוגן
אונ אין אוגן אורו זעהר: לייט זעלוגר גאט דער בארום דוך
אונ הער אונזר גבעט אונ בווער אונז אוף אלום ווס מיר בעטן פר
דור אום ווילן דיין דר בארומקייט אונ דיין גנאד דעם גרוסן אום
ווילן דעם זכות דו צדיקים דו דאזוגו אום זכות דו צדיקים דוא
אונ דר גאנצו וועלט אונ דו זאלסט אונז נוט פר לאזן פון דור
וויל דו הערסט מיין גבעט הער פון דר גאנצר וועלט זיי אונז מוחל
אונ פר גוב אלו מיינו זונד אונ פר גוב ווס אוך הב גזונדוגט אונ
בשאף מיר איין יצר טוב אונ גוב אונ מיין הארץ דיין לובשאפט
אונ דיין פארכטוקייט אונ דר יצר הרע זאל מיר זיין אונטר טענוג
אונ זאלסט אונז בשערמן פר גזירות רעות אונ פר בייזו גדאנקן
אונ בהעפט מיין הארץ אונ דיין גבאט אונ עפן מיין מויל צוא
לערנן תורה אונ עס זאל זיין דר טאג ווען אוך ווער שטארבן אז
טאג פון מיין גבאיון אוך זאל נוט ווערן גפונן טמא אונ גוב
מיר קראפט צו הוטן דיין גבאט אונ זאל זוכה זיין צו זעהן קומן
משיח אונ שרייב אונז אן דעם ראש השנה אונ חתמה אונז אן דעם
יום כפור טוא בנייאון אונז איין גוט יאר אונ גוב אונז איין גזעץ
צו אונזר שפייז פון דיין האנט זאל ווערן גטאן אונ נוט פון איין
האנט פון איין בשר ודם אונ דר הייך מיין מזל מוט גנאד אונ דר
בארמונג אונ דיין אוגן אונ אין דו אוגן אלו מיינו זעהר אונ זכות דו
הייליגו צדיקים אונ זכות אור מעשים זאל אוף אונז בשוצן אונ

הא פר

פר שפרעכון אוף מור אז דו זאלסט טאן אנטפאנגון מיין גבעט צו גוטון אונ נוט לער פר דור ווידר קערון אמן :

יהי רצון עס זאל זיין בווילוגט פר דור גאט אונ גאט פון מיינו עלטערון עס זאל זיין
בווילוגט אונ זאלסט אנטפאנגן מיין תשובה גאנץ פר דור אונ זאלסט הערון
מיין גובעט אונ מיין זכות זאל אובר וועגון מיינו עבירות אונ גיב אונ מיין הא״ץ
צו דיין לובשאפט אונ דיין פארכט אונ שוק אוף אונז איין גובענטשט יאר איין
גוזנט אז מור זאלון ווערון דער לייזט אונ גוטרייסט אונ זאלן ווערון גיהאלפן איין
יאר אז מור זאלון זיין רייך איין יאר פון לעבן אונ פריד איין יאר פון גנאד אונ
לייט זעליקייט אונ דר בארמעג אונ דיינו אוגן אונ אוגן אלו מיינו זעהר אונ פר גוב
אונז אלו אונזרו זינד אונ לאז אונז לעבן צו דער לייזן אונ בשערם אונז פון בייזע
גזרות אונ פר ארומקייט פר בייזו גושעכנוש פר דעם גיהנם פאר חיבוט הקבר פר
איין בייזן שכן פר איין בייזען חבר פר איין בגעגנוש פר ארומקייט פר שמאכקייט
פר שעמהייט אונ עס זאל נוט זיין אן אונזר קינדער קיין פסול אונ קיין שאנד אונ
בשערום אונז פון אלום בייזן פר מארד פר שווערד פר הונגר פר גיפענקנוש פון פר
דארבון פאר אלהרלייא טרואוקייט פאר זופצען אונ זאלסט אונז בהיטן פאר אלום
בייזען אונ גוב קראפט אונ אונזר הארצן אז מור זאלן קענון טאן איין גרוסי תשובה
צו פר דור אונ זאלסט אנטפאנגן אונ גונעהן פר דיין כסא הכבוד אונ מור זאלון
זוכה זיין דוא טטג פון משיח אונ דאס לעבן פון עולם הבא אונ זאלסט דער סולן
אונזר גובעט צו גוטן אונ דעש זכות פון היילגו צדיקים אונ דו זאלסט אנטפאנגן
מוט דער בארומקייט מיין גובעט אונ עס זאל זיין באווילוגט מיין זאג פון מיין
מונד אונ גודאנקון מיין הארץ צו פר דור מיין בשעפר מייזדר לייזר :

יהי רצון עס זאל זיין בווילוגט גאט מיין גאט פון מיין עלטרון אונ עס זאל
זיין דס יאר וואס דא קומט גוט אוף אונז אונ אוף דיין פאלק ישראל אונ
דוא גאט לייטר אונזרו זינד אונ טוא אפ אונזרו גובראכנו הערצר אונ קער אפ אונזר
אום ריינקייט פון אונז אונ דו האסט אונז פר טריבון אונ דו האסט אונז גולייטרט
אזו ווי מען לאזט זולבר צו גיין אונ דו טעסט אונ נוט וועגון שווער הערן דיינו
אוערן זענון אונזער גובעט נוט ווארון גוהערט נייארט אונזרו זינד מאכון איין צווישן
שייד צווישן אונז אונ דיין הולף אונ דו גוערטר גאט ווס דו ברענגסט אוף אונז
אלץ גורעכטקייט דו טוסט אימל ווארהייט דען מור האבון גוזונדוגט צו דור אונ
דו גורעכט אונ צו אונז דו שעמהייט אוף אונזער פנים אונזר גאט דער בארמגר פר
גוב אונז אז מור האבון ווידר גשפענוגט אונ צו דור אונ דו גונאד דו בצאלסט

אוטליכן

מענה לשון

אוטלוכן מענטש נאה זיין ווערק נאך אונ דו גאט אונזר גאט דער לייזר ישראל אונ
דער לייזר בוסטו דען אום ווילון דיין נאמן טוא מוט אונז דס אוז דו לוב אז דיין
נאמן ווערט גורופן אוף אונז גאט אום ווילון דיין ברית וואס דו האסטגיטאן מוט
אונזרו עלטרון אברהם. יצחק ויעקב דס ווערט נוט פר געסון פון אונזרו קונדר אונ דו
רייד ווס דו האסט גוטאן אונ אור מול דם ווערט נוט אפ גוטאן אונ טוא אום ווילון
דיין פאלק דיין ארב ווס דא אוז אובר גבלובון ווייניג פון פול אז איין פוגול אוף
שפוץ דעם בארג אונ אום ווילן ירושלים דיין היילגו שטאט דס דא אוז ווארון
גושמאכט אונ אוז פון אור אלס גוגאנגן אור שונהייט אונ אור היילוקייט אונ אור
בשוצונג אוז ווארן פר ברענט אונ פייאר אונ זעה ווי עס אוז צו גאנגון אונזר מאכט
אוז ווארון פאר ראוט אונ אור פאלק זענון גוסרוד אונ גושטורט אונ דיין פאלק
ישראל זענון ארום זייא זענון טרויערוג אונ פר שעמט אונ פר שנוטן גאט מיין
הער ווי לאנג ווסטו דוך נוט דער בארמון אוף דיין שטאט יהודה אונ ירושלים
ווס דו האסט זו גוצערנט וויא פיל יאר אונ זעה דיין פאלק ישראל ווי זיי זענון גאר
גונדרט מור קערון זוך אוף דער רעכטו זייט אונ האבון קיין הולף נוט אוף דר לונקו
זייט האבן מור קיין דער לייזונג נוט נוא אוז דו צייט אז דו זאלסט אונז העלפון
נאר מור שעמון זוך מוט אונזרו ווערק אונ פר שעמט מוט אונזר זונד אונזר פנים
אוז שווארץ פון וועגון זונד אונ איין נובוקט אונזר הוך פון וועגון זונד אונ שולד
אז מור האבן קיין פנים צו ווידר קערון אונ שטערון צו אוף הייבן אונזר הייבט אונ
מור זוך אן צו לעהנן נייארט אוף דור אונזר פאטר אונ הומל חער פון דו גאנצו
וועלט טוא צו דו לעבדוגו אז זיי זאלון נוט זיין אז דו טוטו אוב אוז צו גודענקון
דיין ווארהייט אונ קבר טוסט דער וועקון מוט ווערק דיינו ווידר זאל ווערון גוטאן
צו אגעדעכנוש עס זאל זיין דיין ווילן צו פר דור אז דס יאר ווס דא קומט אוף אונז
זאל זיין נובענטשט זאל זיין צו ברכה אונ גזירות טובות אונ פול קארן אונ מאסט
איין יאר צו בשערמן אונ בגלוקון אונ איין יאר צו בשטעטגון אונ דיין בית המקדש
איין יאר וואס דו פירות זאלון זוס זיין איין יאר צו פר געבון אלו אונזרו זונד איין
יאר אז אונזר ברוט אונ וואסר זאל זיין גובענטשט איין יאר פון גוט האנדל איין
יאר אז מור זאלון קומן אונ אונזר בית המקדש איין יאר פון זעטוקייט איין יאר
אונזר פרוכט פון בוך אונ פרוכט אונזר שאף זאל זיין גובענטשט אז דו זאלסט
פורון אונז אוף דעם וואהר אונ אונזר לאנד ירושלים אונ דר בארמונג אז דו זאלסט
דוך דער בארמון אובר אונז דו זאלסט אונזר בענגון פרייליך אונ אונזר לאנד אונ דו
זאלסט אונז עסנון דיין גוטון אוצר איינר זאל נוט דארפון האבון רחמנות אוף דעם
אנדרון

אנדרון נייארט דו זאלסט געבון בענטשונג אונ דו ווערק וואס מיר טואון אונ זאל באווילגט פר דיר זיין אז עס זאל נוט איין פאלון דו הייזר אונ איר מתים שטייט אוף אונ דער וועקט אייך אונ בעט פר דעם הוכונגאט אז ער זאל דער פולון אונזר גובעט מוט איין גוטו מאס צו הולף אונ צו דער באר מונג דער וייל מיין ווילון אוז צו טאן דיין ווילון וון נאר נוט דער יצר הרע דוום טוא אום אפ פון אונז אונ עס זאל ווערון גוטאן דיין ווילון מוט גאנצון הארצון אונ דעם טאג אונ אלו טאג אונ זאל ווערון אפ גוטאן דו פאר מיידונג אונ זאל ווערון פר גוקט דו גודאנקון פון דו בשעפנוש אונ זאל זוכה זיין צו דו שונקייט אונ זאל טרייסטון אונזר הערשאפט וואס זיי האבון גוזאגט אוף אונז אונזרו נביאים אומר אונ אייבוג אמן :

דאס זאל מען זאגון ערב ראש השנה אונ ערב יום כפור אונ אויך אום ערב ראש חודש :

יי גאט דר הער פון דר וועלט עס זאל זיין דער ווילון פר דיין כסא הכבוד אונ זאלסט דוך דר בארומון אובר מור אונ אובר מיינו קונדר אונ מיין הויז גזונד אונ צו אום מיין משפט מוט לוטרקייט אונ נוט מוט דיין גרום צארון זאלסטו קעסטוגון מוך מוט בלוט אונ פלייש גאט דר הער פון ישראל טו דם פון וועגון דו צוועלף טוארון פון ירושלים דו דא זענון אן גבריים קעגון דו צוועלף גשלכט פון ישראל אונ פון דיינו טוערון פון ציון דו דא זענון גלובט מער יעדר דו וואנונג פון יעקב אונ דר בארום דוך אובר מור אונ אובר מיין הוז גזונד פון דיין נאמון וועגון אונ גיב אונז איין גוט לעבון גאט דער הער פון ישראל טוא עס פון וועגון דיין גודעכנוש אונ פון וועגון דיין וואלקון דער דא אוז גוגאנגון פר ישראל אז זיי זענון גוגאנגון אום מצרים ארום דעם וועג גלייך צו מאכון אונ פון וועגון דו פיארדוגו זייל דו דא אוז גגאנגון פר ישראל ביי נאכט צו לייכטן זו אונ דר בארום דוך אובר מור אונ אובר מיין הוז גזונד פון דיין גנאר גאט דער הער פון ישראל טוא פון וועגון דו גזאנג דו לוים דו דא גזונגון האבון אונ זענון גושטאנון אוף דעם ברעט אז דם בית המקדש אוז גושטאנון אזו דר בארום דוך אובר מור אונ אובר מיין הויז גזונד פון דיין נאמנס וועגון גאט דר הער פון ישראל טו עס פון וועגון דם גזאנג וואס זיי האבון גזונגון איתן האזרחי דו גונאר פונדו וועלט וויל אוך זונגון פון גבורד צו גבורד אונ דר בארום דוך אובר מור אונ אובר מיין הוז גזונד אונ גוב מור לובר גאט מיין שפייז אונ מיין בדערפנוש לובר גאט אונ בוט דוך דו הער פון ישראל טוא עס פון וועגון דעם גזאנג דו האבון גזינגון דוא ערשטו אובון אונ אונטון אונ דר בארום דוך אובר מור אונ אובר מיין הוז גזונד פון דיין נאמון וועגון אונ גוב אונז איין פר געבונג אוף אונזרו זונד גאט דר הער

פון

מענה לשון

פון ישראל טו דס פון וועגן נזאנג ווס גזינגן הט אדם הראשון אונ פין וועגן אז
ער עס גזונגן הט אן שבת עס איז גוט צו לובן גאט אונ צו זונגן צום אייבערשטן
אונ דר בארום דוך איבר מור אונ איבר מיין הוז גזונד גאט דער הער
פון ישראל טוא עס פון וועגן דעם גזאנג ווס דוד המלך עליו השלום הט גזונגן
אוף דם דס מען הט מחנך גוועזן דם בית המקדש אונ פון וועגן די פוספצעהן גזאנג
ווס ער הט גזונגן אוף די פוספצעהן שטאפלן אונ דער בארום דוך איבר מור
אונ איבר מיין הוז גזונד פין דר בארומקייט גאט דר הער פון ישראל טוא עס פון
וועגן דעם גזאנג ווס די ווערן דר גאך זינגן לאנד יהודה די שטאט די שטארקי
וועט זיין צו אונז צו הילף ער וועט ווידר טאן די קליינו מואר אונ די גרוסו
מואר גאט דר הער פון ישראל טוא עס פון וועגן דעם גזאנג ווס ישראל ווערן
זונגן ווען די מתים וועלן לעבידוג ווערן לעתיד לבא אונ זיי ווילן וויסן אז די
גאט האסט גמייט אונ לעבודוג גמאכט אונ די האסט זיי אונ גרוב פון גיהנם אריין
גבראכט אונ האסט זיי ווידר אוף גבראכט זיי וועלן זונגן גלובט איז גאט אז ער
הט לעבדוג גמאכט די מתים אונ דר בארום דוך איבר מור אונ איבר מיין הוז גזונד
וועגן דיין דר בארומקייט אונ גדענק דעם זכות פון יוסף הצדיק גאט דער הער פון
ישראל טוא עס פון וועגן די צעהן גבאט ווס די האסט גגעבין אוף דעם בארג
סיני אונ פון וועגן דיין הייליקייט פון דעם בארג סיני אז דס פייר הט זוך דר
הויצט אונ איז אוף גגאנגן קעגן דעם הימל אזו הוך אז מען קען זעהן אונ דרייא
הונדרט אונ דרייסוג יאר אלו די הערן פון דעם לאנד האבין גזעהן דיין שטארקייט
אונ מאכט אז מען הט די תורה געגעבין דענסט מאל האבין דוך גלובט אלו די
קונוגן פון לאנד אז זיי האבין גהערט דיין זאג אונ דער בארום דוך איבר אונז אונ
גדענק די זעכרהייט פון משה רבינו דר נביא גאט דר הער פון ישראל טוא עס פון
וועגן דס שפרייטון אונ הוכון אלו הוכו בערג אונ אלו הייך אונ אלו ביימער פון
וואלד צו עפונון גזאנג פר דור דא די האסט געגעבין די הייליגו תורה אונ דר בארום
דוך איבר מור אונ איבר מיין הוז גזונד פון וועגן דיין דר בארומקייט אונ גדענק
דיין דר בארומקייט אונ גדענק דיין זוכרהייט פון אהרן הכהן גאט דר הער פון ישראל
טוא עס פון וועגן דיין גיין מוט ישראל אונ דר ווסטנייא די גרוסו די פארכטוגו
פערצוג יאר אונ אזו איין לאנד ווס נוט גזייאט איז אונ דר בארום דוך איבר מור
אונ איבר מיין הוז גזונד וועגן דיין נאמון אונ דר הייך די הערשאפט פון ישראל טו
עס פון אונזרו מוטרס די הוך די וועלט די האבין גבוט דם נביא פון ישראל אונ
דער בארום דוך איבר מור אונ איבר מיין הוז גזונד פון וועגן דיין נאמין אונ פר
לענד אלו די מקטריגים פון אונז גאט דר הער פון ישראל טוא עס פון וועגן דעם
גזאנג

גזאנג דס דו מלאכים זונגון שירה אובין אונ וועגון דעם גזאנג וואס מען הט גמאכט
פון וועגון דיין נאמון אונ דיין הייליקייט אונ צו דייס דעם בייזון גזר דין גאט דער
האר פון ישראל טוא עס פון וועגון דו הייליקייט דס אוס דר וועלטו פאלק אונ פון
וועגון דו הייליקייט וועגון דעם טאג שבת דר אוז גרעסר איידר אלו טאג אונ
זענופטוקייט אונ לוב אונ הייליקייט אונ רואונג צו דו לעבדונגו לייבר אונ גערטו אונ
גוטה מיין אידר אלו טאג אונ דר בארום דוך אובר מור אונ אובר מיין הוז גזונד
אום ווילון דיין בנעדונג אונ דר פול אונזר האלז צו גוטון אוך טוא דוך בעטון גאט
אונ דר צייט דו בווילונגו אוה בוט דוך גאט דר הער טוא עס פון דיינם נאמן וועגון
וואס פר בארגון אוז פול אלו דו לעבדונגו אונ פון זכות אונזר פאטר אברהם יצחק
ויעקב דס דו בוכט גוועזן תמיד זייער היקה אונ האסט זיי בשוצט אונ דו לייד אונ
דר בארום דוך אוה מור אונ אוף אלו מיינו הוז גזונד אז שטייט גשריבון אונ פסוק
עס אוז נאה נט דו הולה פון גאט אונ מיין גרעכטוקייט צו אנפלעקון אוך בעט דוך
גאט דר זוצא אוף דעם שטול פון רחמים שריי אן אונ צו ברעה אונ צו שטום אונ
שריי אוס אונ צו פור אונ טו ז.פ פון מיינו צוויי הונדרט אונ אכט אונ סערצוג גלודר
אלו דו שדים אונ מזיקים קער ז.פ דר דא הערט צו איטול לוטרקייט אונ בשערום
מוך כר בייזי בגעגנוש אונ צארונגדוג מארד אונ פון יצר הרע אונ דלות מוט אלו
אור חברותה אונ דו בהעסט זענון צו מור אונ אלו דו אוף מור שטיין צו בייזון
זאלסטו אוס רייסון זו אונ זו נאך יאגון מוט צארון אונ זאלסט פר טולגן זו אונטר
דעם היכל פון ג.ט אונ צו מור מייד גאט הייליגר מוט אלו הייליקייט אונ מוט
בענשונג זאלסטו מוך בענטשון פון דו גוטו בענשונג אונ זאלסט מור געבן גוטו קונדר
זיי זאלון תורה לערנון אונ מוט קונדס קונדר דו טואן דיין ווילון אונ האלטון דיינו
מצות אונ ווען איך וועל דוה אן רופן זאלסטו מור ענטפרון אונ אז איך וועל רייען
זאלכטו מוך צו הערון אז דר פסוק שרייבט איידר איך וועל דוך אן רופון זאלסטו
מור ענטפרון אונ אן דיין ריידון וועל איך הערון אונ דו שעה זאל זיין איין שעה
איין דר ב רמונגו איין שעה בווילונג איין שעה פון פר נעמונג אונ זאלסט מוך נוט
ווידר קערו לעד פר דור גאט דו גאט פר גוב אונז פר נעם אונז אונ עס זאל נוט
שטיין פר מיין געבעט קיין שטן אונ קיין יצה"ר אונ קיין מקטרג אונ פר מישונג
אונ קיין כב ול קיין בייזר פור שפרעכור אונ זאל בשטעטונגן אן מור דר פסוק
וואס דו וועסט ריידון וועט ווערון בשטעטונגט דר רייכט איין לייכטונג אוף דיין דונסט
מוד היקה מור אז ווי דיין גנאד אז עס זאל זיין צו בווילגונג מיין גרעדנסן פון מיין
הארץ פר דור גאט מיין בשעפר אמן סלה ז

דס

מענה לשון

דס זאגט מען אום ערב יום כפור:

יי גאט מיין גאט אובר אלו קרייטער דו בוסט גורעכט גאט אונ דיין משפט איז גרעכט דער גאט דער גרוסר דר שטארקר אונ פארכצום דם בשעפנוש איז ארץ פון אום בשאפין דו האסט בשאפין דו וועלט צום ערשטין דיין גנאד דם גרוס איז צו פר געלטין דען מענשין צו ווייזין ווי דו האסט פר גוטס ווי פול גערטוגט צו דו דא האפין צו דור. אונ אומלוכין מאן נאך זיינו ווערק וואס ער הט גמאן אונ פון פאר אן האסטו אונז צו ווייזין גמאן אונ אנפלעקט דם אונ זעקס טאג האסטו בשאפין הומל אונ ערד אונ אונ זובנטין טאג האסטו גרואט דען זעקס טויזנט יאר שטייט דו וועלט אונ אן דעם זובנטין טאג וועט אייטל רואינג זיין אונ דו ימים טובים ווערין גרויסין גאטס ימים טובים דען דו ווייזין אויף רואין נאך אויף פר בארגנו אונ וואונדר זאכין צו ווישין דו צייט זענין מאכט אויף דוא שונהייט פון זיין קונגרייך אונ וואס ער וועט מאן הונמן נאך דו לייטין דם נאך פון זיין פארכט דען פסח איז אסימן אז ישראל זענין גגאנגין אוים מצרים אונ דר נאך ווערין זיי זוצין אונ ארץ ישראל מוט פריידין אונ זוכרליך דר נאך ציילט מען זובין וואכין ספירה איז גלייך אז איין שמיטה איז איין רמז פון וועגין דם דם ב״ה איז חרוב. גוואורין דם זוא האבין נוט גהאלטין אונ ארץ ישראל דר נאך איז שבועות איין טאג נאר איז איין רמז דם בית שני איז נוט אזוי חשוב גוועזן אז ווי דם בית ראשון דר נאך איז לאנג קיין יום טוב נוט איז איין רמז אויף גלות דם ערשטו גלות איז נאר זובצוג יאר גוועזן דען אובר זייערו זונד איז אנפלעקט דם ענד אונ ווען דו צייט וועט קומין אז משיח וועט קומין דען זערבוגין טאג וועט מען בלאזין מוט דען שופר גדול אז זיי זאלין פריי אוים גיין ווערין קומין אלו דו דא פר לארין זענין גוועזן אונ לאנד אשור אונ אונ לאנד מצרים אונ גאט וועט קונוגין אובר דו גאנצו וועלט דער נאך איז ראש השנה איז איין רמז אויף דער גאולה דענצט מאל ווערין אלו אונ איין שפראך אן רופין גאטס נאמין אונ וועלין זאגין דו בוסט איין איינצונר גאט אונ ווען דו מלאכים פרעגין הש״י ווען ראש השנה איז אזו זאגט הש״י מור וועלין פרעגין אונטפון דעם בית דין דען זיי האבין מאכט צו דר ווייטרין אונ געהנטר צו מאכין דו צייט אזו אוך דו גאולה איז דער ווייטרט אונ אז מור וועלין תשובה מאן וועט השם יתברך ברענגין משיח דען אלו רגע איז דו צייט דר נאך איז עשרת ימי תשובה איז איין רמז אויף דו טעג פון ימות המשיח אונ עולם הבא דענסט מאל ווערט צו דען בני אדם זיין איין רואונג פון אלו דיין ווערק צו טואון דעם ווילין פון הש״י אונ וועט אום נושט אויף האלטין קיין זונד אונ דער ווייטרין אונזר פרוארקייט אונ קיין טוט ווערט נוט זיין אונ מור וועלין ריין זיין גלייך אז דו מלאכים אונ ווערין אלע מאן גאטס ווערק נוט צו עסין אונ טרונקין אונ פריילוך זיין

נאר

נָאר צוּ לַייטָרוּן דוּ נשמה אונ לוּטָר צוּ זַיין אָן טָאג דֶען גְרוֹסֶין אונ פָארְכְטוּנגֶין אונ
זָאל זַיין רַיין אונ הַיילִיגְקַייט דְרוֹיף אוּז מרמז יום כפּור אוּז אַייטֶל תשובה אונ אוֹךְ דוּ
טוֹטוּ וָועט השי"ת לֶעבְּדוּג מַאכוּן דֶר וַוארְטוּן וָוס זַיי הָאבּוּן בַּיי זַייעֶר לֶעבּוּן נוּט קֶענוּן
פַּר רוֹכְטוּן מחמת זַיי זֶענוּן טְרוּד גְוֶוען וָועלוּן זַיי דֶער נָאךְ פַּר רוֹכְטוּן אונ בַּיי דֶר תשובה
שְׁטַיים עֶרְשְׁט גָאט דֶען עֶר לָאזְט זוּךְ גוּפוּנוּן אַזוֹ אוֹיךְ דוּא זֶעלְבּוּגוּ טֶעג אוּטְלוּכֶר
הֶערְט קוּמוּן אונ הוּמֶל אוֹיף זַיין אוֹרְט אונ ווי אוּם יום כפּור אוּז קַיין פַּיינְד שַׁאפְט
צְווישׁוּן ישראל אַלוּ זֶענוּן גְלַייךְ מוּט אַיין הַארְץ אַזוֹי וָועט אליהו קוּמוּן אַיין טָאג דֶר
פוּר אַיי משיח וָועט קוּמוּן אונ וָועט ווידֶר קֶערוּן דָס הַארְץ פוּן דוּא קִינְדֶר צוּ דוּא
פֶּעטֶר אונ מוּר וֶועלוּן זַיין אונ ווַייסוּן אָן גְקְלֵייד אַזוֹ וֶועלוּן מוּר זַיין אָן יום כפּור
אונ סוּכּוֹת דָס אוּז אַיין רמז מוּר וָועלוּן דֶער נָאךְ אונ דֶעם טָאג זַיין אוּם צוּ אַנְטְפַאנְגֶען
לוּן פוּן השי"ת אונ אַזוֹ ווי דוּ שמחה פוּן סכּות גָאר גְרוֹס אוּז אַזוֹ פוּל מֶער וֶועט דֶר
נָאךְ דוּ שמחה זַיין דֶעם זֶעלְבּוּגֶען טָאג אונ מוּר וָועלוּן זוּצֶען אונ סוּכּה של לויתן
אונ דֶר נָאךְ אוּז הוֹשׁענא רבה אוּז גְמַר דִין אונ אוּז גְמוּשְׁט אונ אַיין טֵייל זַאכוּן אוּז
עֶר קוֹדש אונ אַיין טֵייל אוּז עֶר חול אוּז אוֹיךְ אַיין רמז דוּ מוּטֶל לַייט דוּ זֶענוּן קַיין
צדיקים אונ אוֹיךְ קַיין רשעים דוּ זֶענוּן אונ משפּט אונ דֶער נָאךְ וָועט דֶר קֶענְט וֶוערוּן
אַיין טָאג צוּא גָאט דֶען צוּ אָבוּנְט וֶועט זַיין אַייטֶל לֶעבְּט אונ השם יתברך וֶועט
אַנְטְפְּלֶעקוּן נַייאוּ וָואוּנְדֶר פוּן דֶר תורה אונ דְרוֹיף אוּז מרמז שמחת תורה אַז מוּר הָאבּוּן
אַלוּ אוֹיף דֶר נחמה זָאל זַיין אונ דֶענְקְט מָאל הַייבְּט מֶען אָן צוּ לֶערְנוּן תורה דְרוּם
זָאל זַיין דֶר ווילוּן פוּן גָאט אונ גָאט דֶר זָאגְט אוֹיף דֶען אָן פַאנְג וָוס דֶר סוֹף וֶועט
זַיין דָס דוּ זָאלְסְט לָאזוּן אוּנְז אַיין נָאמוּן אונ אוּבֶּר בְּלַייבּוּנְג אונ מוּר הָאבּוּן זוּךְ דֶעם
טָאג גְשְׁטֶערְקְט זָאלוּן מוּר זוֹכה זַיין צוּ זֶעהוּן דַיין לֶעבְּט אונ פוּל גוּטְס אונ אַלוּ זוּסְקֵייט
זָאלְסְטוּ אַנְטְפְּלֶעקֶן אוּנְז אונ זָאלְסְט ווידֶר אוֹיף וֶועקוּן אונ לֶעבְּדוּג מַאכוּן צוּ פַּר דוּר
אַייבּוּג אונ וֶוען גְלַייךְ אַיינֶר אוּז חייב גְוֶוען זָאלְסְטוּ דוּךְ נוּט קֶערוּן צוּ זַיין חוב נָאר
זָאלְסְט דוּךְ קֶערוּן צוּ זַיין גוּטְץ אונ זָאלְסְט נוּט צָאלוּן דֶעם וָוס בַּייז טוּט דֶען מוּט
דוּר אוּז פַּר גֶעבּוּנְג דוּ בּוּסְט גָאט דֶר גְרוֹסֶר גָאט צוּ פַּר גֶעבּוּן גְרוֹסוּ עבירות אוֹךְ גוּט
אַלוּ גוּטוּ ברכות צוּ דוּ וָוס נָאךְ לֶעבּוּן אונ אָן דֶעם יום כפּור זָאלְסְטוּ אוּנְז פַּר גֶעבּוּן
צוּ רַייניגוּן אוּנְז פוּן אוּנְזֶרוּ זוּנְד אונ אָן דֶעם יום הדין גְדֶענְק גָאט דוּ הַיילוּגוּ לַייט דוּ
דָא זֶענוּן אונ דוּ עֶרְד אונ הָאבּוּן קַיין זוּנְד גְטָאן נַייאֶרְט פוּן אדם הראשון וָוען עֶר הָט
גְמוּזְט שְׁטַארְבּוּן זַייעֶר זכות אונ זכות פוּן אוּנְזֶרוּ אבות אונ זכות אַלוּ צדיקים דוּ
זָאלְסְט פַּר שְׁטֶערוּן פוּן אוּנְז דֶעם צָארוּן אונ זָאלְסְט דֶר פוּלוּן אוּנְזֶר בַּגֶער מוּט גְרוֹס
דֶר בַּארְמְהַייט אונ מוּר זָאלוּן זוֹכה זַיין צוּ לוֹמְרַייט מוּט אַלוּ אוּנְזֶר פָאלְק דוּ דָא
קוּמוּן פוּן זָאמוּן אוּנְזֶר עֶלְטֶרוּן אברהם יצחק ויעקב עֶס זָאל זַיין בַּווירְבְנְט מַיין זָאג

פון

פון מיין מוגד אונ גדאנקין פון מיין הארץ פר דור גאט פון מיין עלטרון עס זאל זיין אונזר גבעט אזו אן גנומין פר דור אז ווי דס גווערץ פון קטורת אונ זאלסט דר פולון אונזר הארץ בגער צו גוטין פון דעם זכות אלו צדיקים אונ צדקניות אונ חסידים וחסידות אונ היילוגי דו בגראבין זענין דא אונ זאלסט אונז נוט ווידר קערין לער אונ מוט פרוד זאלט אור קומין אויף אייער גלעגר אונ אן דעם ביך פון דו לעבדוגי זאל אייער זייל אן גבונדין זיין אונ מיין זייל זאל זיין מיט אייך אונ גן עדן אמן סלה :

